**דער בוים**

שטייען שווערע טעג אַרום מיין פֿאָלק און שרייען,
ווי קינדער אַרום דעם טאַטנס קראַנקענבעט;
און אין מיין הויף אַ בוים אַ גרויסער ירא-שמים
האַלט די הענט כּסדר אין דער הויך און בעט.

אַמאָל פּרובט עמעץ די קולות אָפּזעגן ווי גלאָקן,
ווי אונטער קאָלדרעס נעמט מיין גאַס טוליען זיך אין שוויגן.
דעמאָלט: רייסט מיין שטוב פֿון שלאָף זיך אויף דערשראָקן:
אין מיין שויב האָט אָנגעקלאַפּט דער בוים מיט זיינע צווייגן...

בעט איך: גאָט, ביסט גרויס, מיין פֿאַרלאַנג איז דער קלענסטער:
שענק מיין פֿאָלק איינאיינציקן טאָג כאָטש אָן טרויער!
שפּאַרט אָן דער בוים זיין קאָפּ אין מיין פֿענצטער,
ווי אַ קלעזמער לייגט-צו צו דער פֿידל זיין אויער.

---

וואַרשע (דער מאָמענט)
29, נומ׳ 182, אויגוסט 7, 1938, ז׳ 3